ב"ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת מטות מסעי / גליון ל"ח

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## ילדי מוסדותינו פון קינדערגארטן מיטגעהאלטן לעבעדיג וויאזוי מען דארף טויבל'ן כלים

לכבוד פרשת מטות מסעי ווען מען לערנט אין די פרשה איבער די ענין פון טבילת כלים זענען די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן אריבער צו בית המדרש נאדבורנא אויף הערריק עוויניו און באגלייטונג פון די חשובע מלמדים ווי זיי האבן מיטגעהאלטן וויאזוי די חשובע מלמד טויבל'ט כלים כדת וכדין.

דערנאך זענען די לעכטיגע קינדער אריין אינעם היכל בית המדרש ווי זיי האבן געדאווענט מיט גרויס ווארימ'קייט ווי גרויסע טאטע'ס און א געהעריגע בית המדרש.

דאס איז נאך א רינגעלע צו די קייט פון די אקטיוויטעטן וואס מען מאכט מיט די קינדערלעך ביי יעדע מצוה כדי זיי זאל עס ארויסהאבן מיט א קלאר'קייט און גלייכצייטיג אויך הנאה האבן.

## גרויס שמחה און עקסטאז הערשט ביי די לעכטיגע קינדערלעך פון כתה א' זיך גרייטענדיג צום סיום פון ספר שני שבתהילים

דאס קומט נאך חדשים פון הארעוואני' וואס די לעכטיגע קינדערלעך האבן ארייגעלייגט כוחות מיט'ן תהילים זאגן וואס כידוע איז עס געוועהן פון די שטערקסטע זאכן ביי רבינו הקדוש זי"ע וואס האט ארייגעלייגט כוחות עצומות ביים תהילים זאגן. דערפאר לייגן זיינע לעכטיגע קינדערלעך תלמידי מוסדותינו הקדושים אריין כוחות ביים תהילים זאגן און ב"ה הגיע העת ווען מען גרייט זיך בשעה טובה צו ענדיגן פרק שני שבתהילים דאס ערשטע מאל אין זייער לעבן .

ווי אויך האט די חשובע מלמד איינגעשטעלט א פראגראם צו אויפהייבן אביסל די כח פון תהילים זאגן כדי די קינדער זאלן זיך צוגעוואוינען צו זאגן די הייליגע תהילים האט ער איינגעפירט אז יעדע יונגל ברענגט יעדן טאג צוריק א צעטיל אויסגעפילט דערינען וויפיל תהילים ער האט געזאגט אינדערהיים און מען קלעבט עס ארויף אויף א טאוועל אין חדר וואס דאס העלפט שטארק צו אז די לעכטיגע קינדער זאלן זאגן און זאגן תהילים.

## תלמידי המוסדות האבן די וואך אנגעפאנגען צו גיין שווימען

אין א מזל'דיגע שעה ווי אין די פארגאנגענע יאר זענען די לעכטיגע קינדערלעך פון כתה א' און ב' געגאנגען שווימען די וואך אין באגלייטונג פון די חשובע מלמדים.

די קינדער זענען געגאנגען דעם פארלאפענעם מיטוואך העעל"ט אין די פריע נאכמיטאג שעות זענען די לעכטיגע קינדער אריבער געגאנגען שווימען אין די חצר פון ידידינו עוז ר' יצחק פאללאק הי"ו מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים ווי זיי האבן פיין פארברענגט אינאיינעם בשבת אחים גם יחד און זיך אויסגעליפטערט און אנגעשעפט פרישע כוחות צו קענען ווייטער זיצן און לערנען און שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

מטעם הנהלת מוסדותינו הקדושים ווילן מיר זיך באדאנקען בפה מלא פאר ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו מו"ה ר' יצחק פאללאק הי"ו ובי"ב מחשובי הורי מוסודתינו הקדושים וואס האט די יאר נאך אמאל געהאט די זכי' צו אוועק געבן די חצר פון זייער הויז אז די לעכטיגע קינדעלעך זאלן דארטן קענען שווימען און פארברענגען מיט א געשמאק.

השי"ת זאל זיי באצאלן כפלי כפלים און זיי זאלן האבן שטענדיג אלעס גוט'ס ברוחניות ובגשמיות.

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**

**אויף טעלעפאון נומבער 8093 662 (845)**

# ואלה שמות

**אלו שמות הנדבנים שנדבו זכות פרנס היום במוסדותינו הקדושים**
**למען החזקת מוסדותינו הקדושים**

**נתנדב ע"י ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו**

## פרנס השבוע

**הרה"ח המפואר ר' בערל ברעטלער שליט"א**

**מגדולי תומכי מוסדותינו הקדושים**

ובזכות הכל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

**יום ד' פרשת מטו"מ**
נתנדב ע"י מוה"ר
יעקב צבי
פרושינובסקי
הי"ו
לע"נ זקינו הרה"ח ר' יוסף
בן ר' שמואל זאנוויל ז"ל

**יום ה' פרשת מטו"מ**
נתנדב ע"י הרה"ח
שמואל
באדאנצקיא
שליט"א
להצלחה בכל
ענינים

**יום ער"ש פרשת מטו"מ**
נתנדב ע"י
הרה"ג ר' נטע
ווייס שליט"א
לכבודו של נכדו הילד
החשוב כמר יוסף מרדכי
ווייס ני"ו

**יום א' פרשת דברים**
נתנדב ע"י הרה"ח
אהרן משה
שלאגער שליט"א
הי"ו
לרגל שמחת
אירוסי נכדו למז"ט

**יום ב' פרשת דברים**
נתנדב הרה"ח
חיים אליעזר
גראס שליט"א
לזכות נכדו הילד
החשוב שמעון
רובין ני"ו

**יום ג' פרשת דברים**
נתנדב ע"י
הרה"ח נחמי
צבי שווארטץ
שליט"א
לזכות נכדו הילד
החשוב משולם פייש
וועבערמאן ני"ו

**ובזכות הכל פיהם של תינוקת של בית רבן ובזכות רבינו הקדוש זי"ע שהמוסדות נקראת על שמו**
**ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה**

צו מנדב זיין א פרנס היום ביטע זיך פארבינדן מיט'ן שליח המוסדות אויף טעלעפאון נאמבער 845 662 8093




## ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו

**מו"ה אברהם וויינשטאק הי"ו**

מחשובי הורי מסודותינו הקדושים

**לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט**

אן עקסטערע מזל טוב

**פאר הילד החשוב כמר מרדכי דוב ני"ו – כתה ב'**
**פאר הילד החשוב כמר חיים בנימין ני"ו – נורסערי**

**אז זייער מאמע האט געהאט א יונגל בעבי**

**אויף שמחות געזונטערהייט**

א גוט שבת
ומנוחה
הנהלת המוסדות

# על בשורה טובה ששמע אומרים
# ברוך הטוב והמטיב

מיט גרויס פרייד נעמען תלמידי וחסידי טאהש ובפרט ביי די חשובע געטרייע עלטערן פון מוסדותינו הקדושים אויף די פרייליכע בשורה אז און די יעצטיגע טעג איז אויפגענומען געווארן די מנהלת פונעם בית חינוך לבנות בנות חוה טאהש וואס גרייט זיך בשעה טובה צו עפענעם אירע טויערן שוין באלד נאכן זוממער צום נייעם לערן יאר הבעל"ט.

**אלץ מנהלת וועט דינען די באקאנטע חשובע מרת פ. קרויס תח"י וואס וועט מיט אירע יאר'ן לאנגע ערפארונג אין חינוך וועט זי אצינד שטיין און באדינען דעם ציבור אלץ מנהלת פונעם בית חינוך לבנות בנות חוה און זיכער מאכן אז די לעכטיגע תלמידות שטייגן און וואקסן בדרך השם ובדרך הסלולה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע און ווי עס איז ווייטער ממשיך בנו חביבו כ"ק מרן רבינו שליט"א.**

די גאנצע בית חינוך לבנות בנות חוה וועט געפירט ווערן אינטער די אויפזיכט פון אונזער חשובע רבעצין א. ד. לאווי תליט"א אשת הגה"צ אב"ד דקהילתינו הק' שליט"א וואס וועט שטיין אין שפי'ץ פונעם בית חינוך לבנות.

עס איז געבליבן צו וואונטשן אז די חשובע מנהלת זאל האבן גרויס הצלחה אין איר הייליגע ארבעט אין די זכות פון רבינו הקדוש זאל איר באגלייטן אויף טריט און שריט.

**ובחפץ השם בידינו יצליח להגדיל תורה ולהדירה**

## נייעס און באריכטן

פון בית חינוך לבנות

## בנות חוה ד'טאהש

# מעשי אבות סימן לבנים

יארצייט כ"ה תמוז הרה"ק רבי מאיר ב"ר שמואל הלוי זי"ע (רוטנבערג), בעל אור לשמים, מאפטא ער איז געבוירן אין שטאט אפטא, בשנת תק"כ. צו זיין טאטן הרה"ק רבי שמואל הלוי רוטנבערג זי"ע, מגזע הגה"ק רבי ישעי' הלוי הורוויץ בעל השל"ה הקדוש זי"ע. און צו זיין מאמע הצדקת מרת פייגא ע"ה, מגזע פונעם הייליגען ש"ך זי"ע.

ווען דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט גערעדט פון די צוויי הייליגע קינדער פון הצדקת פייגא ע"ה, רבינו בעל אור לשמים מאפטא זי"ע און זיין ברידער רבי מרדכי מסטאשוב זי"ע, האט זיי דער הייליגער חוזה גערופען "די בני פיגא'לע".

ער איז געווען א בקי נפלא בנגלה ובנסתר און א גאון הגאונים, און א קדוש ישראל, ער האט געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה און א מסירת נפש ממש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט זיין גאנץ לעבן משפיע געווען פרנסה ברוח פאר אידישע קינדער, זיין צורת קדשו האט ארויס געריפן א יראת השם און א פחד נורא, הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט בשם דעם הייליגען שינאווא רב זי"ע, אז בשעת ווען דער צדיק איז געגאנגען אויפן גאס, זענען אפילו די גוים אנטלאפן מרוב פחד פון דעם צדיק, זיין עבודת התפלה איז צוגעגאנגען בבחינת כל עצמותי תאמרנה, דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א בעל מנגן נפלא און ער האט צענומען די הערצער פון די צוהערערס מיט זיין מתיקות, ער האט אסאך געדאווענט פארן עמוד ביים הייליגען חוזה, און געזונגען די זמירות שבת און יו"ט.

ער איז געווארן א יתום פון זיין טאטן יונגערהייט, און די מאמע די צדקת האט אים אויף געצויגן מיט א מסירת נפש ממש על דרך ישראל סבא, און אוועק געגעבן פון זיך אלעס, אז דער קינד זאל וואקסן אין תורה ועבודת השם, דאס דחקות אין שטוב איז געווען גאר שווער, אבער די מאמע איז גרייט געווען אוועק צו געבן פון זיך אלעס, נאר אז דאס קינד זאל אויסוואקסן א גדול בישראל.

אנפאנג האט ער געלערנט ביי זיין עלטערע ברידער הגה"ק רבי מרדכי מסטאשוב זי"ע, מגדולי תלמידים פון רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, און דארט האט דער גאון וצדיק קונה געווען גאר אסאך תורה ועבודת השם פונעם גרויסן ברודער רבי מרדכי מסטאשוב זי"ע.

שפעטער ווען ער איז שוין געווען מפורסם מיט זיין גדלות וחריפות בתורה, איז ער אריבער לערנען אין די ישיבה פונעם גאון הדור הגה"ק רבי יצחק אברהם אבלי הכהן כ"ץ בעל כתר כהונה זי"ע, וואס איז דאן געווען רב אין שטאט סטאבניץ, דארט איז דער יונגער רבי מאיר באקאנט געווארן אלס א גאון נפלא בתורה.

די רבי האט דעם תלמיד גאר שטארק מחבב געווען, עד כדי כך, אז ווען זיין רבי איז אריבער ווערן רב אין שטאט פינטשוב, האט ער באפוילן אז מען זאל דעם תלמיד רבי מאיר אויף נעמען אלס ממלא מקום אין שטאט סטאבניץ, אויך איז באקאנט, אז דער רבי דער הייליגער כתר כהונה האט בעפאר זיין פטירה באפוילן, אז זיין קידוש בעכער זאל מען געבן פאר זיין תלמיד רבי מאיר מאפטא זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת די טאכטער פון הרה"ק רבי אהרן הנסתר זי"ע, חתן הרה"ק רבי ברוך קדוש זי"ע, די רעבעצין איזגעווען באקאנט אלס א גרויסע צדקת וואס איז געשטאנען צו די האנט פון איר הייליגע מאן, און מיט מסירת נפש ממש באדינט איר מאן, נאך פון די צייטן וואס זיי האבן געלעבט אין א דחקות. ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, און אויך האט ער זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון הרה"ק היהודי הקדוש מפשיסחא זי"ע, און ביי הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע, און אויך זוכה געווען צו זיין ביים הייליגען קדושת לוי מברדיטשוב זי"ע.

עס איז מקובל פונעם צדיק א סגולה פאר שידוכים, זיך צו וואשן צו א סעודה לעילו נשמת רבינו מאיר ב"ר שמואל מאפטא זי"ע, אויך האט דער צדיק מבטיח געווען, אז ווער עס וועט אנצינדן א ליכט און טון א טובה פאר זיין נשמה, וועט ער זיך מיען בעולם העליון צוריק צו טון א טובה פאר דעם איד, אויך האט דער צדיק געזאגט, אז א סגולה פאר טהרת המחשבה, איז זיך מצייר זיין דעם מזמור למנצח בנגינות מיטן ציור המנורה.

הרה"ק רבי יצחק אייזיק ווייס בעל דברי יצחק מסוואליווע זי"ע ברענגט אין זיין ספר דברי יצחק, בשם דעם צדיק דער הייליגער אור לשמים מאפטא זי"ע, אז ווער עס שניידט די נעגל, און איז מעביר סדרה ערב שבת קודש פאר חצות, איז ער מובטח אז ער וועט נישט נכשל ווערן דעם גאנצן וואך מיט עבירות חמידות.

הגה"צ רבי אלחנן היילפרין זי"ע האט דערציילט, אז ביים שבע ברכות פונעם איידעם הרה"ק רבי מנחם מענדל מגלאגוב זי"ע, איז אראפ געפאלן די טאביק פושקע פון אויפן טיש פונעם הייליגען שווער דער אור לשמים זי"ע, און דער חתן האט זיך געבויגן און עס אויפגעהויבן, און דער הייליגער אור לשמים זי"ע איז ממש דערציטערט געווארן, און ער האט געזאגט מיט גרויס פחד בזה"ל, "איך האב מיך באנוצט מיט א חתן דומה למלך, איך האב זיך באנוצט מיט א חתן דומה למלך".

האט דער איידעם דער גלאגובער רב זי"ע זיך אויסגעדריקט אויף דעם שפעטער בזה"ל, "הלוואי זאל איך האבן בשעת כל נדרי יום הקדוש אזעלכע הרהורי תשובה, ווי דער שווער האט דעמאלט געהאט"

עס האט דערציילט הרה"ח רבי בן ציון אפטער ז"ל וואס האט געוואוינט אין בני ברק און געווען פון די גדולי חסידי ברסלב, א מעשה וואס ער אליין האט מיט געהאלטן.

ער איז געזעצן אין ביהמ"ד אין שטאט אפטא און מען האט געלערנט, און אינדרויסן איז געגאנגען א שטורעם ווינט, און א גרויסע שניי איז געפאלן געמישט מיט רעגן און האגל, איז דאן אנגעקומען א וואגן מיט מענטשן, וואס צווישן זיי איז געווען א מיידל פון בערך עלף אדער צוועלף יאר אלט, וואס עס איז אריין אין איר ל"ע א דיבוק, און די אידן זענען געווען אויפן וועג צו הרה"ק רבי מאטל'י קאזמירער זי"ע, וואס איז דאן געווען באוויסט אלס א בעל מופת און א איש קדוש א זוהן פונעם הייליגען טריסקער מגיד זי"ע.

די אידן האבן זיך אפ געשטעלט אין אפטא נעבן ביהמ"ד, כדי זיך צו דערווארעמען און טרינקען עפעס, האבן מיר זיי געזאגט, אז אין אונזער שטאט געפינט זיך דער ציון פון הרה"ק בעל אור לשמים זי"ע, און אסאך אידן ווערן ביי דעם ציון געהאלפן, דעריבער נעכטיגט איבער די נאכט, און צומארגענס וועלן מיר ארויף גיין צום ציון.

צופרי גלייך ווען דאס מיידל האט געהערט אז מען וויל גיין צום ציון, האט זי געשריגן און פארפידט, "איך גיינישט, איך גיינישט", דאס מיידל האט בשום אופן נישט מסכים געווען צו פארן מיט זיי, האבן צוויי יונגעלייט איר אנגעכאפט מיט געוואלד און איר אריין געשטעלט אונעם וואגן, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען נאנט צום ציון, האט דאס מיידל פארפידט אז מען האט איר ממש געברויכט אנהאלטן מיט געוואלד, דאס אלעס איז געווען פאר מען איז אנגעקומען אונעם אוהל.

אבער גלייך ווען מען איז אנגעקומען אונעם אוהל איז זי שטיל געווארן, און נאך א שטיק צייט האט זיגעזאגט, עס ליגן דא דריי הייליגע אידן, דער אינדערמיט איז זיך גאר שטארק משתדל פאר מיינעט וועגן, דאס איז געווען דער ציון פונעם אור לשמים, און פון די צוויי זייטן ליגן באהאלטן, זיין זוהן הרה"ק רבי פינחס זי"ע, און הרה"ק רבי יעקב מאפטא זי"ע, זיי זענען נאך פארבליבן דארט א שטיק צייט, און ווען זיי זענען ארויס מיטן מיידל, איז זי שוין געווען געזונט און שטארק.

## זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו



זילא טבא גדיא יאה

ותתני ידידים זמירות שירות ותשבחות

ברגשי גיל וחדוה, ובאותות אהבה וחיבה, משגרים אנו את ברכותינו החמות והלבביות, למעלת כבוד ידידינו עוז, היקר והחשוב הנכבד והנעלה, מוכתר בכל מדה ומעלה, צנתרא דדהבא, מרגניתא טבא, משליך נפשו מנגד לטובת מוסדותינו הקדושים, יקר רוח גדובה ורב תבונות, איש האשכולות, נוח לשמים ולבריות, שמו הטוב משובחים ומפוארים, בהילולים ותוארים, כשית הי"ה

ידידינו עוז הרבני הנגיד הנכבד והמפואר

בנש"ק הרב

# מרדכי לייפער

שליט"א

מגדולי תומכי מוסדותינו הק'

## לרגל שמחת אירוסי בתו למז"ט

עב"ג החתן המופלג בתויר"ש כמר אלימלך אלטר שליט"א
בן הרב חיים יוסף הורוויץ שליט"א אב"י בעיר קרית יואל

**ובהאי שעתא ששפתינו לא נכלא רב תודה על נדבותיו הטוב**
**ברוח נדובה לטובת מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה**

ואנו תפלה לנורא עלילה, הרחמן הוא יברך אותו שיזכו לרוות מכל יוצ"ח מלא חפנים נחת, ולראות בנים ובני בנים נטעי נאמנים, והי' כעץ שתול על פלגי מים, וכל אשר יעשה יצליח, וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, להתברך בברכה משולשת בתורה, עדי יעמוד הכהן לאורים, בביאת משיח הולך תמים בעגלא ובזמן קריב אמן,

# הודעה והברכה

## הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

ידידנו היקרים העומדים תמיד לימינינו

## מו"ה אברהם וויינשטאק הי"ו

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

**לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט**

## ומו"ה יחיאל זילבער הי"ו

מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים

**לזכות בנו הילד החשוב כמר ישראל אברהם נ"י**

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה